# LES CAHIERS YIDDISH

Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# יידישע העפטן




## ראש-השנה

© Sylvia MULLER *Huile sur toile. Paris 2007.*


**n° 118 SEPTEMBRE / OCTOBRE 2007 סעפטעמבער/אָקטאָבער prix : 5euros**

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

ייִדיש

# אין העלסינקי

## אינטערוויו מיט סימאָ מוּיִר

### אויפֿגענומען פֿון פּר. מאַקס קאָהן

פֿראַנצויזישער פּסיכאָאַנאַליסט און מחבר.
לאַורעאַט פֿון מאַקס צוקערמאַן-פּרייז 2006.



SIMO MIUR

**סימאָ מוּיִר איז אַ פֿינלאַנדישער ספּעציאַליסט פֿון ייִדיש אין העלסינקי. ער האָט שטודירט ייִדיש ביי יצחק ניבאָרסקי אין אָקספֿאָרד (ענגלאַנד). יצחק איז אויך געווען מיין לערער אין פּאַריז פֿון זיין אייגענעם מאַמע-לשון. גדעון באַלאַטאָווסקי האָט גערעדט מיט מיר וועגן סימאָ מוּיִר און מיר האָבן זיך געטראָפֿן בעת מיין רייזע אין פֿינלאַנד. געמיינט האָב איך צו פֿאָרן אויף וואַקאַציע, דאָך האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר מיר אַן אַרבעט, אָבער אַן אייגענעמע.**

מאַקס קאָהן

**פּר. מאַקס קאָהן :**

**איר זענט נישט קיין ייִד. ווי קומט אַז איר האָט זיך אינטערעסירט צו שטודירן ייִדיש?**

**סימאָ מוּיִר :**

ס'איז שווער צו געבן אַ קאָנקרעטן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע. מ'פֿרעגט דאָס ביי מיר די גאַנצע צייַט. ייִדיש איז אַ וווּנדערלעכע, רייכע שפּראַך, אַ ברייטע אייראָפּעיִשע קולטור. פֿאַרוואָס זאָל מען נישט זיין פֿאַראינטערעסירט? איך שטאַם פֿון אַ קליין שטעטל אין מזרח-פֿינלאַנד ווּ עס וווינען נישט קיין ייִדן. דאָס ערשטע מאָל אַז איך האָב געהערט ייִדיש איז ווען כ'האָב על-פּי צופֿאַל געפֿונען ייִדישע פּלאַטעס אין דער ביבליאָטעק. ייִדיש אַלס אַ שפּראַך אָדער קולטור איז דעמאָלט נישט געווען אין גאַנצן פֿרעמד פֿאַר מיר, ווייל איך האָב שוין געהאַט געלייענט ביכער וועגן חורבן און וועגן מזרח-אייראָפּעיִשע ייִדישע געשיכטע. עס האָט גענומען עטלעכע יאָרן איידער איך האָב געפֿונען אַ לערנביכל און אַ לערער. דאָס ערשטע בוך וואָס איך האָב געפֿונען איז געווען אויף רוסיש.

מיין ערשטע לערער איז געווען דער גבאי פֿון דער העלסינקער שול, שלום באַלאַטאָווסקי. ביסלעכווייז איז מיין אינטערעס געוואָרן מער ערנסט. נאָך פֿיר זומער-קורסן אין ייִדיש, אין אָקספֿאָרד און ווילנע, האָב איך זיך געלערנט ייִדיש אין לאָנדאָן, אויף אַ מאַגיסטער-פּראָגראַם. ביז דעמאָלט מיין הויפּט-פֿאַך איז געווען אַרכיטעקטור און מעבל-"דעזיין". ייִדיש האָט אַלץ געענדערט...

**מ. ק.:**

**איר האָט געשריבן אַ בוך וועגן ייִדיש אין העלסינקי. וואָס ווייזט איר אָן אין דעם בוך? גיט אונדז די גענויע וואָרצלען פֿון אייער בוך? (1)**

• ס. מ.:

מיין טעמע פֿאַרנעמט זיך מיט דעם העלסינקער ייִדישער דיאַלעקט און קולטור. ס'זענען דאָ צוויי טיילן אינעם בוך; דער ערשטע טייל באַשרייבט די ייִדישע קולטור אין העלסינקי אויף אַ היסטאָרישן און סאָציאָ-לינגוויסטישן קוק-ווינקל; דער צווייטער טייל איז אַ ריין לינגוויסטישער אַנאַליז פֿון דעם העלסינקער ייִדישן דיאַלעקט. אין מיין בוך, ווייז איך אָן, אַז העלסינקער ייִדיש איז אַ סינטעז פֿון עטלעכע צפֿון-מזרחדיקע (ליטווישע) דיאַלעקטן. מע קען אויך הערן אין

העלסינקער ייִדיש אַ בוילעטן פינלאַנד-שוועדישן אַקצענט און אַפילו שפּורן פון באַלטישן דייטש. ייִדיש אין העלסינקי האָט מען געהערט פון 1830 אָן. די ערשטע ייִדן אין פינלאַנד זיינען געווען פון דער רוסישער אַרמיי.

אין העלסינקי האָט מען געהאַט אַן אַקטיוו קולטורעל לעבן אויף ייִדיש. די קהילה, כאָטש אַ קליינע, האָט געהאַט עטלעכע קולטורעלע געזעלשאַפטן, למשל אַ ייִדישער כאָר, ליטעראַרישע קלובן און אַ טעאַטער-געזעלשאַפט. מע האָט אַפילו געשריבן אייגענע פּיעסעס. זשאַק וויינשטיין, דער רעזשיסאָר פון דער טעאַטער-געזעלשאַפט איז געווען אַ צענטראַלע פיגור אין דער ייִדישער קולטור אין העלסינקי. ס'איז אויך געווען אַ ייִדישער דיכטער, אַ מאָדערניסט, אין העלסינקי, מרדכי שאָזיד.

**מ.ק.:**

**וואָס איז היינט די סיטואַציע פון ייִדיש אין פינלאַנד?**

• ס.מ.:

ס'איז דאָ אַרום 200 ייִדיש רעדערס אין פינלאַנד, בפרט אין העלסינקי. ס'איז דאָ אין גאַנצן 1.200 מיטגלידער אין דער העלסינקער קהילה. אין טורקו, די קהילה איז אַ סך קלענער, מיט אַן ערך 200 נפשות. אין יאָר 2000 האָט מען צוגעלייגט ייִדיש צו דער געזעלשאַפט פון ווייניק באַנוצטע שפּראַכן" (Finnish Bureau for Lesser Used Languages - FIBLUL) צוזאַמען מיט אַנדערע היסטאָרישע פינישע מינדערהייט-שפּראַכן, דאָס הייסט : סאַמי, ראָמאַני, טאַטעריש, רוסיש, פינלאַנד-שוועדיש און קאַרעליאַניש. יצחק קאַנטאָר איז די רעפּרעזענטאַטיווע פערזענלעכקייט פון ייִדיש. דאָס איז מער ווייניקער די אָפיציעלע לאַגע פון ייִדיש אין פינלאַנד היינט-צו-טאָג.

**מ.ק.:**

**צי האָט איר קאָנטאַקטן מיט אַנדערע מומחהים פון ייִדיש אין דער וועלט?**

• ס.מ.:

יאָ. איך האָב געלערנט ייִדיש, ווי געזאָגט, אין אָקספאָרד, ווילנע און לאָנדאָן און אויך אין ניו-יאָרק. בעת אַלע קורסן האָב איך זיך געחברט מיט אַ סך ייִדישיסטן איבער דער גאַנצער וועלט. מיר האַלטן אָן קאָנטאַקט דורך אינטערנעץ און טרעפן זיך אויף פאַרשידענע קאָנפערענצן. מיט עטלעכע חדושים צוריק בין איך געווען אין ניו-יאָרק און דאָרטן זיינען געווען אַ סך "אַלטע" באַקאַנטע פון פיל יאָרן צוריק. ס'איז אַלע מאָל פריילעך זיך צו טרעפן מיט זיי. דאָ אין באַלטיקום האָב איך זייער אַ גוטן קאָנטאַקט מיט פּראָפעסאָרין אַנאַ ווערשיק פון טאַלינין; זי איז אויך דער דאָצענט פון ייִדיש אין דער העלסינקער אוניווערסיטעט. אויך איך לערן ייִדיש דאָרטן.

**מ.ק.:**

**ווער האָט היינט אַ שייכות מיט ייִדיש אין העלסינקי? איך האָב געזען בלויז אַ פּאָר עלטערע מענטשן אין דער שול פון העלסינקי וואָס קענען ייִדיש. צי זיינען דאָ יונגע מענטשן פאַר וועלכע ייִדיש איז באַקאַנט?**

• ס.מ.:

דאָס רוב פון ייִדיש רעדערס אין העלסינקי זיינען עלטערע מענטשן; די יונגסטע זיינען אַרום 60 יאָר אַלט. ס'איז ניטאָ קיין יונגע רעדנערס, אַחוץ די קינדער פון אַ חסידישע משפחה וואָס וווינט אין העלסינקי. אין יאָר 2000 האָב איך צוזאַמען מיט יצחק קאַנטאָר געגרינדעט אַ קלוב פון ייִדיש, מיטן נאָמען "דאָס ייִדישע וואָרט". דער אַקטיוויטעט נעמט אַריין אַ שמועס-קרייז און אַן עלעמענטאַרן קורס פאַר אָנפאַנגער און פאַר מענטשן וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין ליטעראַטור. ס'איז דאָ אַן ערך 20/30 אַקטיווע מענטשן אין דער טעטיקייט פון ייִדישן וואָרט. נישט אַלע געהערן צו דער ייִדישער געמיינדע. פאַריקן האַרבסט האָב איך געהאַט 6 סטודענטן אויף מיין ייִדיש קורס ביים אוניווערסיטעט - אַלע פינלענדער. ערנסט געזאָגט, זע איך מער איטערעס און ענטוזיאַזם פאַר ייִדיש צווישן נישט-ייִדן.

**מ.ק.:**

**אפשר קענט איר געבן אַ פּאָר ביישפּילן וואָס פאַסירט מיט ייִדיש אין העלסינקי ווי אויך מיט שוועדיש און רוסיש?**

• ס.מ.:
אין 19טן יאָרהונדערט און אָנפאַנג 20סטן איז די יידישע קהילה אין העלסינקי געווען יידיש-שפּראַכיק. די מענער, אַלס סאָלדאַטן, האָבן נאַטירלעך זיך אויסגעלערנט רוסיש, און עטלעכע משפּחות האָבן געשיקט זייערע קינדער צו רוסישע שולן. ווען יידן האָבן זיך באַזעצט אין העלסינקי, איז די שטאָט געווען מער-ווייניקער אַ שוועדיש-שפּראַכיקע און דערפאַר האָבן זיי אָנגענומען שוועדיש, נישט פיניש. ביסלעכווייז איז שוועדיש געוואָרן די אָפיציעלע שפּראַך פון דער קהילה. פיניש איז געקומען צום בילדונג ווען אין די 30קער יאָרן, ווען די צאָל פיניש-רעדנדיקע איינוווינער אין העלסינקי איז געוואַקסן און די יידישע שול האָט געביטן איר שפּראַך פון שוועדיש אויף פיניש.

**מ.ק.:**
**פאַרוואָס האָבן די יידן אָפּגעלאָזט יידיש אין העלסינקי?**

• ס.מ.:
איך האָב געפּרוווט צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע אין מיין דיסערטאַציע. איך מיין אַז ס'זענען געווען עטלעכע סיבות אויף דעם. ערשטנס איז די קהילה געווען זייער אַ קליינע - מע האָט געדאַרפט לערנען די שפּראַך פון דער אַרומיקער סביבה. און ווייל די קהילה איז געווען קליין האָט זי געהאַט זאָרגן מיט יידישע שולן; בעת דעם 19טן י.ה. און אָנהייב 20סטן י.ה. זיינען די קינדער געגאַנגען אין אָרטיקע שוועדישע און רוסישע שולן און זיינען אַזוי גאַנץ גיך אַסימילירט געוואָרן אין דער פינישער געזעלשאַפט. אויב מע קוקט אויף דעם ענין פון אַ פּאָליטישן קוקווינקל האָט פינלאַנד קיינמאָל נישט געהאַט קיין שטאַרקע בונדיסטישע אָדער בכלל אַ לינקע באַוועגונג, אדרבא די פינישע יידן זיינען געווען ציוניסטן; דאָס רוב אַלגעמיינע ציוניסטן און רעוויזיאָניסטן. אין דעם אַטמאָספער איז יידיש נישט געווען אַזוי פּאָפּולער, בפרט צווישן דעם יונגן דור.

**מ.ק.: וואָס מיינט איר וועגן די צוקונפט פון יידיש אין פינלאַנד און אין דער וועלט בכלל?**

**צי קען מען זאָגן, אַז אַלעס איז נישט אָפּגעמעקט געוואָרן דורך די נאַציס, אַפילו ווען ס'איז נישט ווי פאַר דעם חורבן?**

• ס.מ.:
איך קען רעדן וועגן דעם וואָס איך זע דאָ אין העלסינקי צווישן דער קליינער יידישער קהילה פון 1.200 נפשות. ס'איז דאָ נאָך אַן ערך 200 יידיש רעדנער אין העלסינקי און די צאָל ווערט פאַרקלענערט. דער אינטערעס פאַר יידיש איז אָבער געוואַקסן בשעת די לעצטע פאַר יאָר. אין יאָר 2003 האָב איך צוזאַמען מיט מיקאַעלאַ יאַזאַן, אַן אַקטריסע און רעזשיסאָרין, אָרגאַניזירט אַ טעמע-יאָר פון יידיש אין דער יידישער שולע. צום סוף פונעם יאָר האָבן מיר געמאַכט מיט די תלמידים אַ פּיעסע אויף יידיש און פיניש וועגן דער געשיכטע פון פינישע יידן. דורכן שפּיל און דראַמע האָבן די קינדער זיך אויסגעלערנט אַ סך ווערטער און - סאַמע וויכטיקסטע - באַקומען אַ באַגער זיך צו לערנען מער יידיש.

דעם האַרבסט האָב איך צוזאַמען מיט מיקאַעלאַ האַזאַן און עוואַ זשאַקאָב, אַ מוזיקערן, אויסגעשטעלט שלום-עליכמס "מזל-טוב" (וואָס מען האָט געשפּילט אין העלסינקי מיט 100 יאָר צוריק!). די פּיעסע אין וועלכער עס האָבן געשפּילט עטלעכע פון מיינע יידיש-סטודענטן פון דער קהילה און פונעם אוניווערסיטעט, האָט געהאַט אַ סך הסלכה - אַלע פאָרשטעלונגען זיינען געווען אויס-פאַרקויפט און אַן ערך 400 מענטשן האָבן זי געזען. פאַר מיר איז דאָס בעסטע געווען אַז נאָך די פאָרשטעלונגען זיינען געקומען צו מיר מענטשן וואָס האָבן געפרעגט וועגן מעגלעכקייט זיך צו לערנען יידיש אין העלסינקי.

**30.06.2006**

(1) SIMO MUIR :
Yiddish in Helsinki - Study of a Colonial Yidish Dialect and Culture (Studia Orientalia 100).
אַרויסגעגעבן פון Finnish Oriental Society.
מען קען זי באַשטעלן פונעם tiedekirja@tsv.fi
אָדער פון טעלעפאָן-נומער : +358-9-635017